# אַ פָּסוּק חוּמָּשׁ
## חיזוק פאר די וואך

כִּי הֵם חַיֵּינוּ וְאֹרֶךְ יָמֵינוּ, וּבָהֶם נֶהְגֶּה יוֹמָם וָלַיְלָה.

**תמצית הגליון:**
הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב

בעזהשי"ת ▪ שבועות תשפ"א ▪ גליון קכג'


# פארוואס האב איך נישט קיין נעדוון צו לערנען??

## דער קאנפליקט צווישן אמת און שקר
## און ווי אזוי מען געבט זיך אן עצה מיט דעם...

פון איין זייט, הערן מיר כסדר נאך פון קינדוויז אן אז "טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף, די בעסטע און געשמאקסטע זאך אויף דער וועלט איז דער תורה הקדושה". פארט, זעהן מיר נישט אז יעדער זאל וועלן און נאכלויפן די תורה. יעדער וויל זיין אן עושר אדער א בוזנעס מאן, אבער א מתמיד, א תלמוד חכם איז דא ווייניג וואס ווילן זיין. פארוואס איז דאס אזוי אז דער טייערסטע זאך אויף דער וועלט זאל זיין אזוי פארהוילן?

אזוי אויך, דארפן מיר פארשטיין: אויב דער תורה איז די זיסטע זאך אויף דער וועלט, פארוואס דארפן מיר זיך בעטן יעדן אינדערפרי "וְהַעֲרֶב נָא, ה' אֱלֹקֵינוּ, אֶת דִּבְרֵי תוֹרָתְךָ, מאך אונז זיס דיין תורה", איז די תורה זיס אדער ביטער?

### לאמיר לערנען א פסוק חומש און באקומען חיזוק פאר דעם הייליגן יום טוב....

## אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ...

(ויקרא כו, ג)

זאגט רש"י: וואס מיינט דאס "**אם בחקתי תלכו**"? אויב דער תורה וויל זאגן אז מען זאל מקיים זיין די מצוות התורה, שטייט דאך שוין ווייטער אין פסוק "**ואת מצותי תשמרו**"... נאר די תורה מיינט אונז דא צו זאגן עפעס טיפער **שתהיו עמלים בתורה**, מען זאל זיך פלאגן אין לערנען...

לכאורה דארף מען פארשטיין: וואס איז דער באדייט פון די ווערטער **שתהיו עמלים בתורה**? אויב איז דער מכוון דא אז מען זאל זיצן און לערנען און מברר זיין הלכות על בוריה, פארוואס רופט מען דאס אן מיט די לשון "**עמלים**" **בתורה**? דער פעולה איז דאך א פעולה פון עסק בתורה[א], התמדת התורה, די בעסטע און געשמאקסטע תענוג, דאס איז נישט קיין "פלאג"! צו וואלטן מיר געזאגט אויף איינער וואס פארדינט שיין פון זיין בוזנע"ס אז ער פלאגט זיך? יא, ער ארבעט שווער אבער ער פלאגט זיך נישט!

## דער יונגעלע פארשטייט נישט...

עס איז יום טוב אינדערפרי און די ביהמ"ד איז פיל, דער עולם דאווענט ווארעם. אין דער זייט, שטייט ר' שלמה מיטן טלית צוגעדעקט און דאווענט מיט א ברען, ווען פלוצלינג ברעכט ער אויס אין א געוויין, "**אבינו אב הרחמן... ותן בלבינו בינה להבין ולהשכיל.... והאר עינינו בתורתיך...**"

זיין יונגעלע שטייט אין דער זייט און קוקט מיט וואונדער, "**פארוואס וויינט מיין טאטע אזוי?** ער האט דאך אזוי ליב צו לערנען! איך זעה אים אייביג לערנען! וואס טוט אים אזוי וויי?"

דער קינד קען זיך נישט איינהאלטן און נאכן דאווענען גייט ער צו צו זיין טאטע און פרעגט אים, "טאטע, איך מעג דיר פרעגן א שאלה? פארוואס האסטו אזוי שטארק געוויינט היינטביים דאווענען? עס איז דיר שווער צו לערנען?"

דער טאטע זעצט זיך אראפ און איז מסביר, "דו געדענקסט נאך ווען טאטי האט געמאכט די גרויסע סיום אויף מסכת ב"ק?"

[א] אזוי ווי דער לשון הברכה איז "לעסוק בדברי תורה", מיר זאגן נישט "לעמל בדברי תורה".

"זיכער", זאגט דער קינד, "די גאנצע משפחה איז דארט געווען... אה, איז דאס געווען א שיינע סיום!"

"זאג נאר, געדענקסטו אויך די שאלה וואס דו האסט מיר דעמאלטס געפרעגט?"

"יא, זיכער געדענק איך! ווען טאטי האט געזאגט די ווערטער פון די נוסח הסיום "**אנו משכימים והם משכימים... אנו עמלים והם עמלים, אנו עמלים ומקבלים שכר והם עמלים ואינם מקבלים שכר...**" האט ער זייער געוויינט. איך האב זיך זייער דערשראקן און געטראכט, "אפשר קומט די לערנען צו שווער אן פאר טאטי!" און אים געפרעגט, "אפשר זאלסטו נאכלאזן אביסל פון זיינע שיעורים, וועט דיר זיין גרינגער..."

"זייער גוט מיין קינד. יעצט אינעם הייליגן יום טוב שבועות, לאמיר דיר ענטפערן אויףביידע שאלות אינײנעם.

## דער טאטע איז מסביר פארן קינד...

"מיין קינד, איך וויל דו זאלסט וויסן אז לערנען תורה איז באמת נישט גרינג, עס איז שווער און עס קען צומאל זיין זייער שווער, אבער צו דען מיינט דאס אז וויבאלד עס איז שווער, איז עס נישט גוט?"

"געבט א קוק: דער זינגער ווען ער ארבעט ארויסצוגעבן א שיינע נייע אלבום, דער בוקיפע"ר ווען עס קומט אן דער טעק"ס סעזאן, אדער דער גראסערי מאן ווען עס קומט אן דער יום טוב סעזאן, וויפיל שעות, כח און מח לייגן זיי אריין ביז שפעט אויף דער נאכט, מיט נערוון און אן נערוון, זיי זיצן ביי דער ארבעט ווייל מען דארף נאך אניאגן..."

**פארוואס טוען זיי דאס?**

**עס איז דאך אזוי שווער! און ער האט נישט קיין נערוון!**

**פארוואס פלאגן זיי זיך אזוי?**

דער קינד טראכט... און טראכט... ווען פלוצלינג געבט ער א געשריי, "טאטע, דו ווייסט וועלכע הנאה זיי גייען האבן נאכדעם?! יא, יעצט פלאגן זיי זיך אבער עס לוינט זיך שוין איינמאל!"

דער טאטע איז ממשיך, "יעצט מיין קינד, לאמיר דיר פרעגן, "ווי אזוי ארבעט דאס? ווי אזוי איז ער יעצט גרייט זיך צו פלאגן ווייל "שפעטער" גייט אים זיין גוט? יעצט איז דאך דאס אזוי שווער..."

"יא טאטע", פרובירט די קינד מסביר זיין, "אמת אז עס קוקט אויס שווער, אבער וויבאלד דער גאנצע צייט ווייסט ער וואס גייט קומען שפעטער, וויל ער טוהן דער שווערע ארבעט. און נאך מער, וויבאלד ער וויל דאס, ווערט אים דאס עטוואס גרינגער."

"דאס הייסט", זאגט דער טאטע, "ארבעטן שווער איז באמת נישט דאס וואס מאכט דער מענטש שווער אדער גרינג... נאר דער רצון און גליסטעניש צו דער זאך, דאס איז וואס מאכט אים גרינג אדער שווער!"

"אויב אזוי, מיין טייער קינד, לאמיר צוזאמען מאכן דעם חשבון, פארוואס האבן אסאך מענטשן נישט קיין נערוון צו לערנען? ווייל עס איז שווער? אודאי נישט! שווער איז נישט דער קובע!

נאר וואס... זיי האבן ליידער נישט צופיל אינטערעסע אין דעם. זיי ווייסן נישט און פארשטייען נישט די ווערד פון די תורה... וואס דער תורה געבט זיי צו און פארוואס זיי דארפן האבן די תורה... און ווילן זיך נישט פלאגן...

## די באבע רות לערנט אונז
### וואס מיינט די תורה פאר אונז...

זאגט דער משגיח (רבי משה שוואב זצ"ל בספרו מערכי לב חלק ג'): איינע פון די טעמים פארוואס חז"ל האבן מתקן געווען צו ליינען מגילת רות ביום מתן תורתינו איז כדי זיך ארויסצולערנען פון רות המואביה, ווי אזוי מען דארף צוגיין צו קבלת התורה!

אין די פסוקים פון ח' ביז יד' געפונען מיר ווי **נעמי** געזעגנט זיך פון איר צוויי שנירן **ערפה** און **רות** און בעט זיי, "ביטע בלייבט נישט מיט מיר, מיר מוזן זיך שיידן." די צוויי שנירן נעמען דאס אן זייער שווער. זיי ווילן בלייבן מיט זייער געטרייע שוויגער, זיי ווילן בלייבן מיט די אידן און ווילן נישט צוריקגיין צו זייערע גוי'ישע היימען. זיי הייבן אן וויינען, אבער נעמי איז זיי מסביר אז עס איז נישט גוט פאר זיי און זאגט, "פאר אייער טובה און פאר מיין טובה, בעט איך אייך, לאמיר זיך יעצט געזעגענען."

זאגט דער פסוק: **וַתִּשֶּׂנָה קוֹלָן וַתִּבְכֶּינָה עוֹד**, נאכן גאנצן הסבר פון נעמי, האבן זיי נאכאמאל אנגעהויבן וויינען, אבער דאס מאל **וַתִּשַּׁק עָרְפָּה לַחֲמוֹתָהּ**, זעענדיג אז זי האט נישט קיין ברירה, האט ערפה זיך געזעגנט און צוריק געגאנגען, אבער **וְרוּת דָּבְקָה בָּהּ**, רות גייט נישט אין ערגעץ, זי בלייבט קלעבן צו איר שוויגער. נעמי פרובירט נאכאמאל זיך איינבעטן, אבער נאך די שטארקע ווערטער פון רות, "**בַּאֲשֶׁר תָּמוּתִי אָמוּת וְשָׁם אֶקָּבֵר... כִּי הַמָּוֶת יַפְרִיד בֵּינִי וּבֵינֵךְ**." האט נעמי נאכגעגעבן און **וַתֶּחְדַּל לְדַבֵּר אֵלֶיהָ**...

**לאמיר זיך א מינוט מתבונן זיין!** ביידע שנירן שטייען און וויינען איינמאל און נאכאמאל, ביידע שנירן שרייען אז זיי ווילן נישט צוריק אהיים גיין, זיי ווילן בלייבן א איד, על אף וואס נעמי בעט זיך ביי זיי יא צו גיין! וואס פאסירט פלוצלינג אז ערפה ברעכט זיך **וַתִּשַּׁק עָרְפָּה לַחֲמוֹתָהּ**, און רות שטייט ווייטער ביי איר עקשנות **וְרוּת דָּבְקָה בָּהּ**. מה נשתנה רות מערפה??

זאגט דער משגיח: לאמיר א קוק טוהן וואס רות האט געזאגט ועי"ז וועלן מיר פארשטיין וואס האט געפעלט פאר ערפה.

**וַתֹּאמֶר רוּת אַל תִּפְגְּעִי בִי לְעָזְבֵךְ לָשׁוּב מֵאַחֲרָיִךְ... בַּאֲשֶׁר תָּמוּתִי אָמוּת וְשָׁם אֶקָּבֵר... כִּי הַמָּוֶת יַפְרִיד בֵּינִי וּבֵינֵךְ**. רות זאגט, "איך גיי בשום אופן נישט אהיים, נאר איך וועל שטארבן דא מיט דיר!" ווייל זי האט פארשטאנען אז איר גאנצע לעבן איז נאר ווערד אויב זי האט דער תורה. אויב קען זי נישט זוכה צו דער תורה, איז איר לעבן קיין לעבן נישט! זי דארף נישט איר טאטע'ס געלט, זי דארף נישט איר טאטע'ס



פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון אדער צו באקומען וועכנטליך אויף אי-מעיל,
קענט איר זיך פארבינדן מיטן עורך: torah10952@gmail.com

קעניגרייך, זי דארף נאר דער אידישע פאלק מיט זייער תורה!

ד"ה: נישט אז זי איז זיך מוסר נפש און גיבט יעצט אוועק איר לעבן פאר די תורה, נאר פארקערט! **די תורה געבט איר לעבן!**

משא"כ, איר שוועסטער ערפה[ב] האט געהאט אן אנדערע בליק. זי האט אנגעקוקט דעם התקרבות ווי זי איז זיך מוסר נפש פאר די תורה. אמת, זי האט זייער געוואלט זיין נאנט צו די תורה, אבער וויבאלד איר מחשבה איז געווען אז זי געבט זיך אוועק פאר תורה, דערפאר נאך עטליכע הסברים אז עס איז נישט כדאי פאר איר, איז אוועקגעפאלען איר גאנצע בנין, ווייל אז זי איז דער וואס געבט, קען דאך זיין צייטן ווען עס איז שווער צו געבן!

משא"כ, ווען א מענטש ווייסט אז ער איז דער וואס נעמט, פון דעם איז ער יונק זיין חיות, איז קיינמאל נישט שייך צו זאגן אז יעצט נישט! ער וויל דאך נישט שטארבן...

**זאגט דער משגיח: דאס איז אונזער מוסר השכל ביום מתן תורתינו הק', לדעת אז ווען עס קומט צו תורה, איז איינע פון די הויפט קניני התורה צו וויסן וויאזוי מען שאצט איר! און טאקע נאר אזא איינער וואס ווייסט ווי אזוי איר מעריך צו זיין, ער איז זוכה צו די תורה.**

ווען א מענטש קוקט אן דעם גשמיות ווי אן אמת'ע הנאה און דער תורה פאר א צווייטע הנאה, און ער דארף כסדר אוועקגעבן פון זיך כדי צו לערנען תורה, אזא איינער ווערט שנעל מיד און פאלט ארויס. אבער אזא איינער וואס פארשטייט אז דאס איז **יְקָרָה הִיא מִפְּנִינִים וְכָל חֲפָצֶיךָ לֹא יִשְׁווּ בָהּ**, ער געבט גארנישט אוועק, נאר אדרבה פארקערט, ער שטייט ביים שיסל און נעמט, אזא איינער ווערט נישט מיד און פארלירט נישט זיין כח צו לערנען אין יעדע פרייע צייט...

פלאגן, פלאגט זיך נאר איינער וואס וויל נישט דער זאך אדער האט נישט קיין הנאה פון וואס ער טוט. איינער וואס וויל די זאך און פארשטייט איר ווערד, פאר אים איז דאס די בעסטע הנאה!

**לֹא הִבִּיט אָוֶן בְּיַעֲקֹב וְלֹא רָאָה עָמָל בְּיִשְׂרָאֵל...** (במדבר כג, כא) טייטשט דער אוהח"ק אין איינע פון די פשטים (גם נתכוון לומר): בלעם האט דא געזאגט די גרויסקייט און די מעלות פון כלל ישראל בענין התורה והמצוות. **וְלֹא רָאָה עָמָל בְּיִשְׂרָאֵל...** הגם וואס כלל ישראל פלאגט זיך און מוטשעט זיך ביים לערנען אדער מקיים זיין מצוות, דאך שפירן זיי נישט קיין מידקייט אדער שוועריקייט, עס איז פאר זיי בכלל נישט קיין פלאג. **וז"ל: שהצדיקים הגם שעושים מצוות, וכל עסקם בתורה, אינם מרגישים שיש להם עמל... אלא אדרבה כאדם המרויח, וכאדם המשתעשע בשעשועים, לרוב חשקם בתורה.** עס איז פאר זיי א פארגעניגען, ווי לענגער און ווי מער!

# דער אמורא ריש לקיש לערנט אונז...

## ווען קען מען יא? און ווען קען מען נישט?

ב עי' מד"ר ששני אחיות היו, בנות עגלון מלך מואב

ג עי' בספר דרכי מוסר מאת הגאון ר' יעקב ניימאן זצ"ל

די גמרא דערציילט (ב"מ פד.): דער תנא רבי יוחנן איז געשטאנען ביים טייך און געשמועסט. פלוצלינג, האט ריש לקיש געזעהן רבי יוחנן פון די אנדערע זייט טייך און געווארן זייער נתפעל פון זיין צורה. תיכף, האט ריש לקיש געגעבן א שפרינג אריבער צו דער אנדערע זייט טייך נעבן ר' יוחנן. רבי יוחנן, זעענדיג זיין געוואלדיגע כח, האט אים געזאגט, "ריש לקיש, **חילך לאורייתא**, אזא כח קען זיין זייער שטארק ביים לערנען תורה." ר' יוחנן האט אים געזאגט, "אויב קומסטו צוריק לערנען תורה, געב איך דיר מיין שוועסטער פאר א כלה." ריש לקיש האט מסכים געווען.

דערציילט די גמרא ווייטער: תיכף דערנאך, האט ריש לקיש געוואלט צוריק אריבער גיין די טייך אבער עס איז אים נישט געגאנגען, ער האט נישט געקענט!

**לאמיר אריינקלערן: וואס האט דא פאסירט?**

**ווען קען מען אריבער שפרינגען א טייך און ווען נישט?**

בשלמא, אויב ריש לקיש וואלט זיך תיכף געזעצט לערנען און דערנאך פרובירט צוריק אריבער גיין דעם טייך, וואלטן מיר נאך פארשטאנען ווייל **תורה מתשת כחו של אדם**, נאכן לערנען, פארלירט מען דער כח. אבער דא רעדט מען דאך נאך איידער ריש לקיש האט בכלל אנגעהויבן לערנען, ער האט ס"ה נאר מסכים געווען צו לערנען, פארוואס קען ער שוין נישט צוריק אריבער גיין?

זאגן די בעלי מוסר[ג] א געוואלדיגע חידוש: **אלעס ווענדט זיך אין דעם רצון...** באמת, האט ריש לקיש נאך יעצט אויך געהאט דער כח אין זיינע לענדן... און דאס וואס ער האט נישט געקענט אריבערגיין דעם טייך איז נישט געווען צוליב זיין כח וואס ער האט פארלוירן, **נאר צוליב דעם רצון וואס ער האט יעצט פארלוירן! און ווען דער רצון איז נישט דא, איז קיין כח אויך מער נישט דא!**

ווען דער רצון איז געווען צו זעהן ר' יוחנן וואס שטייט אויף דער אנדערע זייט טייך, קען מען טוהן אפי' אזא שווערע זאך ווי אריבער שפרינגען א טייך, אבער נאך וואס ריש לקיש האט מקבל געווען אויף זיך, "איך גיי לערנען תורה און איך גיי זיך אפלאזן פון די גשמיות", איז שוין מער נישט געווען דער גרויסע אינטערעסע צוריק צו שפרינגען, ווייל וואס האט ער דען אזוי וויכטיג אויף יענע זייט טייך. און אז דער רצון איז שוין מער נישט אזוי שטארק, קען מען טאקע שוין נישט טוהן די שווערע זאך.

## מיין קינד, נעם דיר גוט אריין דער כלל!!

ווען עס איז שווער, מיינט אז עס איז נישט דא קיין רצון! און ווען עס איז נישט דא קיין רצון, איז א סימן אז מען פארשטייט נישט אדער ווייסט נישט די חשיבות פון דער זאך...

# דער קינד פרעגט ווייטער...

"נו טאטע, אויב אזוי, האב איך א פשוט'ע עצה, גיי ארום צו דיינע חברים און זיי זיי מסביר די אמת'ע ווערד פון די תורה, אזוי ווערסטו קענען מאכן לערנען כמעט די גאנצע שוהל!"

יא, מיין קינד, דו זאגסט גוט! אבער לאמיר דיר פרעגן, "צו האט זייער רבי אין חדר נישט געטוהן אזוי די אלע יארן? דו האלטסט טאקע אז זיי ווייסן נישט די אלע זאכן?! וואס איז פשט, אז אפי' זיי ווייסן דאס, דאך צוהט זיי דאס נאך אלץ נישט?!"

"דער תשובה איז: וויסן אליין העלפט נישט, נאר מען דארף דאס טועם זיין איינמאל און נאכאמאל, לעבן מיט דעם און כסדר בעטן דעם אייבערשטען אז מען זאל זוכה זיין צו פילן א טעם אין דעם..."

**אבער טאטע, פארוואס איז דאס אזוי? פארוואס דארפן מיר זיך בעטן יעדן אינדערפרי "וְהַעֲרֶב נָא ה' אֱלֹקֵינוּ, אֶת דִּבְרֵי תוֹרָתְךָ", די תורה איז דאך די זיסטע זאך אויף דער וועלט?!**

"מיין קינד, דו פרעגסט זייער גוט, עס זענען דא עטליכע תירוצים אויף דעם. איינע פון די תירוצים איז ווייל רוחניות איז זייער אנדערש פון גשמיות. ביי רוחניות'דיגע זאכן, איז דא איינער וואס זיין גאנצע ארבעט איז אפצופרעגן און מאכן פארן מענטש כאילו עס איז "זייער שווער", "נישט אינטערעסאנט", און "גארנישט ווערד"...

משא"כ, ביי גשמיות'דיע זאכן, איז נישט דא קיינער וואס פרעגט דאס אפ און אדרבה, עס איז דא איינער וואס מאכט דאס אויסקוקן זייער איטערעסאנט און זיס, ער לייגט צו גלאנץ מיט אפעטיט אז דער מענטש זאל דאס זייער וועלן..."

**טאטע, ווער טוט דאס און פארוואס זאל ער דאס וועלן טוהן?!**

דער תשובה איז: דאס טוט דער יצר הרע! דער סיבה פארוואס ער טוט דאס איז צו בויען אונזער בחירה און אונזער שטארקייט. שטעלט זיך פאר ווען יעדער וואלט געקענט זעהן און באמת פארשטיין וואס געלט איז, וויפיל עס העלפט אים אין צייט פון נויט, ווי לאנג דער הנאה האלט אן און פאר וויפיל צייט עס בלייבט מיט אים...

ווער וואלט ווען דעמאלטס גרייט געווען צו ארבעטן אזוי שווער און פאר אזויפיל צייט פאר דער נישטיגע ווערד פון געלט? געארבעט אביסל, געמאכט געלט און גענוג, ווער האט נערוון און כח צו ארבעטן נאך און נאך ווען מען באקומט גארנישט פאר דעם!

ווידער פון די אנדערע זייט, שטעלט זיך פאר אז יעדער וואלט באמת געקענט זעהן און פארשטיין וואס תורה איז, וויפיל עס העלפט אים אין צייט פון נויט[ד], ווי לאנג דער הנאה האלט אן און פאר וויפיל צייט עס בלייבט מיט אים..."

**קיינמאל וואלט מען נישט געהערט די ווערטער "איך האב נישט קיין נערוון" אדער "איך האב נישט קיין געדולד", ווייל "וואס הייסט? דו ווייסט וואס מען באקומט פאר דעם? דו ווייסט וויפיל דאס איז ווערד?**

דעמאלטס, וואלט יעדער געווען גרייט צו ארבעטן שווער, טאג און נאכט, פאר דעם אסטראנאמישן ווערד פון תורה, קיינמאל וואלט מען נישט געהערט די ווערטער "איך האב נישט קיין נערוון" אדער "איך האב נישט קיין געדולד", ווייל "וואס הייסט? דו ווייסט וואס מען באקומט פאר דעם? דו ווייסט וויפיל דאס איז ווערד? אודאי וויל איך דעם פלאג..."

ועל כולם, האט דער תורה נאך א מעלה מער פון א פשוט'ע ארבעט: פארן עצם פלאגן באקומט מען שוין שכר! יא מיין קינד, אפי' דו ביסט נישט אנגעקומען, אפי' דו האסט נישט געענדיגט, פארן עצם פלאגן באקומסטו שכר!

## דער קשיא אויפן פשט "אם בחקותי תלכו" ווערט פארענטפערט...

מיר האבן אנגעפאנגען מיטן קשיא, "פארוואס רופט מען אן זיצן און לערנען מיט די לשון "**עמלים" בתורה**? דער פעולה איז דאך א פעולה פון עסק בתורה, התמדת התורה, די בעסטע און געשמאקסטע תענוג, דאס איז נישט קיין "פלאג"?!"

אבער לויט ווי מיר האבן געזאגט, קען מען דאס זייער גוט פארשטיין. אמת, פאר אזא איינער וואס איז שוין אויסגעארבעט און דינט דעם באשעפער מתוך אהבה, (ער פארשטייט און ווייסט דער גרויסקייט פון תורה ומצוות,) ביי אזא איינעם איז טאקע "**לא מקרי עמל כלל**", ביי אים איז דאס נישט קיין שום פלאג, נאר אדרבה, דאס איז פאר אים א מנוחה, **וכן האמת דמחמת האהבה נחשב כל עמל כלא.**

**שתהיו עמלים בתורה**, דער הייליגע צאנזער רב זצוק"ל האט מסביר געווען: רש"י רעדט טאקע דייקא פון אזא איינער וואס האט נאך נישט ליב צו לערנען, ער שטייט נאך אינדערזייט און טראכט צו זיך, "איך האב נישט קיין נערוון" און דער תורה איז אים נאך א פלאג. פאר אים קומט רש"י און איז מחדש, **בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ**, אפי' דו האסט נישט קיין נערוון, דו האסט נישט קיין געדולד, דאך זאלסטו זיך זעצן לערנען ווייל **טעמו וראו כי טוב ה'! זארג זיך נישט אז דו ביסט נישט דער גרויסע בעל השגה**, ווייל סוף כל סוף, המאור שבה יחזירו למוטב און דו וועסט בעזהשי"ת זעהן ווי גוט דאס איז... און יא, אפי' יעצט ווען עס איז דיר נאך א פלאג הייסט דאס אויך **בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ**, דאס הייסט פיין געלערנט!

(עי' בדברי חיים עה"ת פרשת בחקותי)

יַעֲרֹף כַּמָּטָר לִקְחִי תִּזַּל כַּטַּל אִמְרָתִי... (דברים לב, ב)

טייטשט דער שפת אמת: **יַעֲרֹף כַּמָּטָר לִקְחִי**. לשון קשה,

---

[ד] ווי דוד המלך זאגט עטליכע מאל און קאפיטל קיט: זֹאת נֶחָמָתִי בְעָנְיִי כִּי אִמְרָתְךָ חִיָּתְנִי... לוּלֵי תוֹרָתְךָ שַׁעֲשֻׁעָי אָז אָבַדְתִּי בְעָנְיִי.- לִי קִוּוּ רְשָׁעִים לְאַבְּדֵנִי עֵדֹתֶיךָ אֶתְבּוֹנָן.- רְאֵה עָנְיִי וְחַלְּצֵנִי כִּי תוֹרָתְךָ לֹא שָׁכָחְתִּי...

תחילה צריך האדם לעמול וללמוד מתוך יגיעה וצער, ורק לאחר מכן, **תִּזַּל כַּטַּל אִמְרָתִי**, איז ער זוכה שהתורה תתברך במעיו. **תחילתו מר וסופו מתוק.**

דאס קינד פרעגט ווייטער, "איך פארשטיי נישט, אויב דער גאנצע זאך איז אז מען דארף נאר אנהייבן לערנען און דערנאך פילט מען שוין דעם טעם, פארוואס אלע יונגלעך אין מיין חדר לערנען נישט יעדן טאג וועלן נעכטן האבן זיי פיין געלערנט און אפי' הנאה געהאט?!"

## מיין קינד, טאקע דאס איז דער סיבה פארוואס איך האב אזוי געוויינט ביי דער סיום...

"זאלסט וויסן, דער נסיון איז נישט אן איינמאליגע זאך וואס מען ברעכט דאס אדורך און שוין, אודאי ווי א טאג עס גייט אריבער און מען איז ווייטער עוסק בתורה, אלץ לייכטער און לייכטער ווערט עס, אבער דער יצר הרע שלאפט נישט, ער קומט און שטערט יעדן טאג עקסטער. אפי' איך לערן שוין ב"ה צענדליגע יאר, דאך קומט ער נאך יעדן טאג מיט פרישע געדאנקען ווי אזוי מיר צו שטערן פון מיין שיעור, איינמאל מער און איינמאל ווייניגער. ווער רעדט נאך ווען ער זעהט אז איך גרייט זיך צו ענדיגן א מסכת, וואס דאס קען מיר נאך צוגעבן אויך א גשמיות'דיגע געשמאק, דעמאלטס ווערט ער ממש ווילד און פרובירט זייער שטארק צו שטערן אז דאס זאל נישט צושטאנד קומען (ווי די ר"ת פון זיין נאמען איז **ס**יום **מ**סכת **אי**ן **ל**עשות)... דערפאר טאקע, ווען איך האב געמאכט דער סיום, בין איך געווען מורא'דיג מרגש, "געבט א קוק ווי איך האב דאס אדורך געמאכט! על אף וואס עס איז מיר געווען שווער, על אף וואס עס זענען געווען צייטן וואס איך האב נישט געהאט קיין נערוון, דאך האב איך זיך געשטארקט און מיט פרייד געקענט זאגן **"דידן נצח"**!"

"די "טרערן" זענען נישט געווען פון עצבות אדער שוועריקייט, נאר טרערן פון התרגשות, פרייליכע טרערן וואס זאגט, "אה טאטע, עס איז פיין געווען, הלואי נאך..."

"און טאקע דייקא ביי די ווערטער **"אנו עמלים והם עמלים"**, דארט האט דאס מיר געכאפט, ווייל נישט דער פלאג איז דאס וואס באדערט דער מענטש, **כי אנו עמלים והם עמלים**! נאר קוקט וואס איך באקום פאר מיין עמל און וואס זיי באקומען פאר זייער עמל, **אנו עמלים ומקבלים שכר**, איך באקום שכר, אזא שכר וואס בלייבט אויף אייביג, אבער **הם עמלים ואינם מקבלין שכר**, זיי מוטשען זיך נעבעך אפ און קיין שכר באקומען זיי נישט."

"יא, קען זיין אז אפאר דאללער באקומען זיי, אבער דאס איז נישט קיין שכר, ווייל ווי לאנג בלייבט דאס שוין ביי אים?! בשעת פטירתו של אדם אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובות ומרגליות, אלא תורה ומעשים טובים בלבד." (אבות ו, ט)

"מיין קינד, אט דאס וועט זיין דער געוויין פון די צדיקים לעתיד לבא, ווי די גמרא זאגט און סוכה (סוכה נב,א), דרש רבי יהודה: **לעתיד לבא מביאו הקב"ה ליצר הרע ושוחטו בפני הצדיקים ובפני הרשעים... הללו בוכין והללו בוכין...**"

"לאמיר פארשטיין, בשלמא דער רשע וועט וויינען ווייל ער וועט זעהן אז דער יצר הרע איז אזוי קליין ווי א דינע בענדל און אויך דאס האט ער נישט געקענט בייקומען, אודאי דארף ער וויינען..."

"אבער דער צדיק, וואס זיין יצר הרע איז אזוי גרויס ווי א בארג, פארוואס וויינט ער? אדרבה, קוקט וואס ער האט געקענט בייגעקומען! ווי די גמרא זאגט: **צדיקים בוכין ואומרים היאך יכולנו לכבוש הר גבוה כזה?** דער צדיק וועט וויינען, אבער נישט פון צער! דער צדיק וועט וויינען פון התרגשית, "געבט א קוק אויף דעם בארג, געבט א קוק אויף מיין ארבעט, וואס איך האב ב"ה אויפגעטוהן און זיך נישט געלאזט פארדרייען א קאפ... **אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ וּמַה יָּפָה יְרוּשָּׁתֵנוּ**..."

## דער קינד הייבט אן וויינען...

"פארוואס וויינסטו יעצט?" פרעגט דער טאטע, "מיין קינד, האסט נישט פארשטאנען אדער האב איך עפעס נישט גוט געזאגט?"

דער יונגעלע שטיקט זיינע טרערן און זאגט, "אויב דאס איז דער מצב, ווי אזוי איז מעגליך צו מאכן דעם ריכטיגן באשלוס? ווי אזוי קען איך יעדן טאג האבן דער כח און די בחירה צו באשליסן פארקערט פון וואס איך זעה? איך זעה יעדער נאכלויפן געלט, יעדער וויל געלט, יעדער איז גרייט צו ארבעטן פאר געלט, אבער פאר תורה זעה איך יעדער פונקט דאס פארקערטע, נישט אזויפיל מענטשן זענען גרייט זיך צו פלאגן פאר דעם, נישט אזויפיל מענטשן ווילן דאס... ווי אזוי מאכט מען דעם ריכטיגן באשלוס?"

"אה מיין קינד, יעצט קומט מען צו צו די סיבה פארוואס איך האב אזוי געוויינט היינט ביים דאווענען, **"אבינו אב הרחמן... ותן בלבינו בינה להבין ולהשכיל.... והאר עינינו בתורתיך..."**

"ווייל היינט איז שבועות, היינט איז דער מארק פון תורה! דערפאר, בעט איך דעם הייליגן באשעפער אז איך זאל חלילה נישט פארבלענד ווערן פון דעם שקר פון עוה"ז, איך בעט דעם אייבערשטען אז ער זאל מיר העלפן זעהן דעם אמת און ער זאל מיר זיס מאכן דעם תורה. די "ברכות התורה" און דעם "והערב נא ה' אלקינו" דארף שבועות אינדערפרי זיין מיט פיל מער כוונה, "רבוש"ע, איך הער און איך ווייס אז די תורה איז גוט, אבער **"והערב נא"**, מאך מיר דאס זיס... **והאר עיניו בתורתיך**, עפען מיינע אויגן אז איך זאל פארשטיין די ווערד פון די תורה, איך זאל דאס וועלן און נאכלויפן..."

"מיין טייער קינד, וויסן זאלסטו אז נישט נאר שבועות, נאר אויך א גאנץ יאר, ווי מער מיר וועלן מתפלל זיין צום אייבערשטען אז ער זאל אונז היטן און פירן אויפן ריכטיגן וועג, און חלילה נישט פארבלענד ווערן פון שקר, וועלן מיר בעזהשי"ת זוכה זיין צו דעם אמת..."

## לאמיר זיך לערנען פונעם היינטיגן בעל הילולא, דוד המלך ע"ה...

**אינעם הייליגן יום טוב שבועות, דער יצ"ט פונעם נעים זמירות ישראל, דוד המלך ע"ה, לאמיר א קוק טוהן אינעם ספר תהילים, וואס בעט דער קעניג דוד איינמאל און נאכאמאל??**

"דֶּרֶךְ-שֶׁקֶר, הָסֵר מִמֶּנִּי; וְתוֹרָתְךָ חָנֵּנִי... הַט-לִבִּי, אֶל-עֵדְוֹתֶיךָ; וְאַל אֶל-בָּצַע... הַעֲבֵר עֵינַי, מֵרְאוֹת שָׁוְא; בִּדְרָכֶךָ חַיֵּנִי... "רבוש"ע, געב אכטונג אויף מיר און האלט מיר אויפן ריכטיגע וועג, לאז מיר נישט פארדרייט ווערן פון געלט..."

דערפאר, האט ער זוכה געווען צו גיין מיטן תורה און לערנען די תורה, סיי אין די גרינגע צייטן און סיי אין די שווערע צייטן... **זֵדִים הֱלִיצֻנִי עַד מְאֹד**; אפי' מען האט פון מיר זייער געשפעט, אבער **מִתּוֹרָתְךָ לֹא נָטִיתִי.**

"**אם בחקותי תלכו**", זאגט דער מדרש רבה: אמר דוד, "רבוש"ע, בכל יום ויום הייתי מחשב ואומר למקום פלוני ולבית דירה פלונית אני הולך", **והיו רגלי מביאות אותי לבתי כנסיות ולבתי מדרשות...** יעדן איינציגן טאג, נישט קיין חילוק ווי פארנומען דער מלך איז געווען, נישט קיין חילוק וועלכע טירדות דער מלך האט געהאט, איז ער אייביג אנגעקומען אין שוהל אריין...

זיך אוועקגעבן פאר תורה און נישט קוקן אויף קיין שום גשמיות'דיגע הנאה, דאס האט אים די באבע רות אויסגעלערנט.

**כי הם חיינו ואורך ימינו ובהם נהגה יום ולילה.**

## צידה לדרך

### רמי בר פפא דפרם בר פפא...

ווער ווייסט דען נישט אלע נעמען פון די בני רב פפא, וואס מיר זאגן ביי יעדע סיום?! רמי בר פפא רפרם בר פפא... צו האט איר זיך שוין אמאל געוואונדערט פארוואס רב פפא מיט זיינע צען קינדער האבן זוכה געווען צו ווערן דערמאנט ביי יעדע סיום?

זאגט דער ים של שלמה (ב"ק סוף פ"ז, בשם הרמ"א): דאס איז וויבאלד די אלע בני רב פפא זענען געווען מאורי וגדולי בתורה.

ער איז ווייטער מסביר: ווי אזוי האט רב פפא זוכה געווען דערצו? **כי עשיר היה, והיה מחזיק לעוסקי התורה.** רב פפא האט מעריך געווען און געשעצט תורה. ער איז געווען א גרויסע עושר אבער ער האט גענוצט זיין גאנצע געלט ארויסצוהעלפן און שטיצן די לומדי התורה. דערפאר, האט ער זוכה געווען צו 10 הייליגע און לעכטיגע קינדער!

ווי אנדערע ספרים לייגן צו: נישט נאר אז זיינע אלע קינדער זענען געווען מאורי וגדולי בתורה, נאר זיי האבן אויך כסדר געדאווענט און געבעטן אז זיי זאלן האבן א חלק אין תורה אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

אזעלכע מוקרי ולומדי תורה, זיי זענען זוכה דערמאנט צו ווערן ביי יעדע סיום.

# מוסר השכל:

פארוואס וויל יעדער זיין אן עושר און א בוזנעס מאן, אבער א מתמיד, א תלמוד חכם, איז דא ווייניג וואס ווילן זיין?? **די תירוץ איז ווייל עס זענען דא ווייניג וואס ווייסן די אמת'ע ווערד פון תורה! עס זענען דא ווייניג וואס ווייסן פארוואס מען דארף די תורה און וואס עס געבט אונז צו!**

דער עולם הזה קוקט אויס גלאנציג און ציעדיג און מען קען דאס קונה זיין זייער שנעל און גרינג! אבער צו קונה זיין די תורה דארף מען הארעווען... פארוואס זאל מען זיך פלאגן ווען מען ווייסט נישט און פארשטייט נישט איר ווערד!

דעם הייליגן יום טוב שבועות, לאמיר זיך איינבעטן ביים נותן התורה, "**והערב נא ה' אלקינו את דברי תורתך**, רבוש"ע מאך מיר זיס די תורה אז איך זאל איר ווערן. **והאר עינינו בתורתיך**, מאך מיר ליכטיג מיינע אויגן אז איך זאל איינזעהן אז נאר דאס איז די ריכטיגע וועג!"

הגם טיף אינעווייניג ווייס איך אויך דעם אמת, דאך כאפט זיך כסדר אריין נאך אביסל פון דעם שקר... "רבוש"ע, אין זכות פונעם הייליגן דוד המלך ע"ה, העלף מיר אז **דֶּרֶךְ שֶׁקֶר הָסֵר מִמֶּנִּי וְתוֹרָתְךָ חָנֵּנִי...**"

דעם שבועות, לאמיר זיך מקבל זיין אז אפי' מיר פארשטייען נאך נישט די גאנצע ווערד, דאך וועלן מיר אבער דאס מחשיב זיין און רעדן פון איר חשיבות ווי דוד המלך לערנט אונז: **מָה אָהַבְתִּי תוֹרָתֶךָ**, ווי אזוי האב איך אזוי ליב די תורה? וועלן מיר טייטשטן, **ווייל כָּל הַיּוֹם הִיא שִׂיחָתִי**, אויב רעדט מען פון תורה און מען איז מחשיב די תורה, ווערט מען צום סוף א בן תורה...

**כי הם חיינו ואורך ימינו...** דאס געבט אונז חיות אויף דער וועלט און אריכת ימים אויף יענע וועלט. לאמיר געדענקן די משנה אין אבות פרק ו': **בשעת פטירתו של אדם אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובות ומרגליות, אלא תורה ומעשים טובים בלבד.**

און דאס האט מען קלאר געקענט זעהן לײדער היי יאר ביים טראגעדיע און מירון... מיט וואס האט מען יעדן מעריך געווען און מיט וואס האט מען יעדן מספיד געווען? נישט ווי בא'טעמ'ט זיי זענען געווען און נישט וויפיל געלט זיי האבן געהאט, נאר וויפיל תורה זיי האבן געהאט! דער האט זיך געדארפט פארהערן יענעם קומענדיגן זונטאג שו"ע יו"ד, דער האט געדארפט אליין ווערן א דיין אין זיין קהילה, דער בעה"ב איז געזעצן און געלערנט יעדן טאג שעות רציפות און דער בחור איז געווען א בחור א מתמיד... ווייל נאר תורה האט אן אמת'ע ווערד. אנו עמלים ומקבלים שכר....

דרש ההוא גלילאה עליה דרב חסדא: **בריך רחמנא דיהב אוריאן תליתאי...** (שבת פח.) טייטשט דער כתב סופר (יתרו): געבענטשט איז דער אייבערשטער וואס האט אונז געגעבן א תורה וואס טוט אונז באלייכטן מיט דריי סארטן ליכטיגקייטן. **בעוה"ז:** די תורה העלפט אונז בייקומען דעם יצר הרע בעת וואס מיר געפונען זיך אויף דעם עולם השפל. **בתחיית המתים:** ווען דער גוף וועט אויפשטיין ביי תחיית המתים, וועט עס נישט לעבן פון עסן און טרינקען, נאר באקומען איר חיות פון דער תורה הקדושה. **לעולם הבא:** די תורה ומצוות וועט זיין דאס וואס וועט אונז ערמעגליכן צו נהנה זיין מזיו השכונה אויף יענע וועלט.

לאמיר זיך מקבל זיין אין דעם הייליגן יום טוב צו ווערן תורה'דיגע אידן. מיר ווילן תורה און מיר וועלן לערנען די תורה אין אלע זמנים, למען לא נבוש ולא ניכלם ולא נכשל לעולם ועד... **אמן כן יהי רצון...**



פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון אדער צו באקומען וועכנטליך אויף אי-מעיל,
קענט איר זיך פארבינדן מיטן עורך: torah10952@gmail.com